בס״ד | חודש אלול תשפ״ב לפ״ק | Vol #9

# אידישקייט

נקודות למחשבה צו איבערקלערן אונזער אידישקייט סטאטוס

# שאולי ביים דינער

## מכת חושך אין בינעזער קאפיטאנע

לעבעדיגע שילדערונג פון שאולי וועלכער איז אהיימגעקומען פונעם טונקעלן זאל אנגעפאשעט און אנגעזעטיגט פון מאכלים ומעדנים און ענדלאזע אינטערטעימענט ביים דינער לטובת די הייליגע ארגאניזאציע זוקף כפופים

ווערטער בוך:
### ס'נעקסט לעוועל...

### דער גוי לעבט אויף תענוגים, דער איד לעבט מיט עול מלכות שמים!

דברות קודש מאת כ"ק אדמו"ר מבאבוב – 45 שליט"א

# 'אידישקייט' הייבט זיך...



שטייענדיג מיט גרויס סייעתא דשמיא ביים ארויסקומען מיטן ניינטן 'אידישקייט' בלעטל פון אויפריכטיגע נקודות למחשבה איבערצוקלערן אונזער אידישקייט סטאטוס, איז צייט זיך צו געבן א שטעל אפ א מינוט און זיך מאכן א שטיקל חשבון הנפש צו איבערטראכטן וואס מיר האבן געטון ביז יעצט און וואס איז אונזער פלאן אויף ווייטער.

מיר האבן אנגעהויבן אונזער הייליגע און אחריות'דיגע ארבעט מיט א קנאפע יאר צוריק מיט דעם איין איינציג ציל צו איבערקלערן און איבערטראכטן אונזער אידישקייט סטאטוס, נאכדעם וואס מיר זיצן שוין אזוי לאנג אין דעם ביטערן גלות, און יעדע שטיק צייט דארף מען א פרישע התבוננות, כדי נישט צו פארפאלן ווערן אינעם ויתערבו בגוים וילמדו מעשיהם.

ובפרט אין אונזער יעצטיגע גלות וואס אסאך פון אונזער ציבור איז שוין דער דריטער דור געבוירן על אדמת אמעריקא, און זייענדיג אין א מקום איז דא א חשש אויב מען ווערט נישט חלילה איינגעגעסן אין דעם מנהג המקום.

אמעריקא האט געברענגט מיט זיך א פרישער נסיון וואס אונזערע זיידעס און עלטער זיידעס אינדערהיים האבן זיך נישט אזויפיל געספראוועט. אין די צייט וואס אידישע קינדער האבן געהאט שוועריגקייטן מצד די גוים וועלכע האבן דורכגעפירט שחיטות רדיפות, און פרובירט צו מעביר זיין על הדת בכפי', איז דער היינטיגער נסיון זייער א שמייכלדיגער נסיון וואס דער גוי שטייט כאילו מיט אפענע ארעמס אונז צו באגליקן מיט דעמאקראטיע און פרייהייט.

אמת טאקע אז די פרייהייט ווינטן האבן שוין אינדערהיים פארשוועמט טויזנטער אדער מיליאנען אידן און זיי מעביר געווען על הדת, אבער די וועלט קריג האט דערמאנט אידישע קינדער אז די 'פרייהייט' פון דעם גוי, איז שוין גארנישט אזוי 'פריי', און די רגע וואס מען ווערט צו נאענט צו אים, קומט ער צוריק ארויס מיט זיין אמת'ן פרצוף.

אונזערע זיידעס נאכן קריג האבן דאס זייער גוט געדענקט, און די "חוקות הגוי" איז ביי זיי געווען פארעקלט בתכלית המיאוס. אבער עס איז אויפגעשטאנען א דריטער דור אשר לא ידע, וואס האט נישט מיטגעלעבט און קוים געהערט פון די עלטער זיידעס וואס דער 'אנשטענדיגער פאלק' פון די 'הויכע ראסע' האט געטוהן, און זיצנדיג אין א פרידליך לאנד א לאנגע צייט הייבט אן צו ברענגען א באקוועמליכקייט, און די מנהגי אמעריקא הייבט זיך אן אריינצובאקומען צו אונזערע שטובער.

אבער דער היינטיגער 'גוי' איז נאך אסאך ארגער פון דעם גוי פון הונדערט יאר צוריק, דער גוי'אישע מהלך החיים פון היינט האט גענצליך אויסגעריסן יעדע סארט נארמאלקייט און מאראלישקייט פון די בריאה, און ליידער, און ווען דער גוי איז שוואכער ווערט אויטאמטיש דער נסיון שווערער.

אט צוליב דעם האבן מיר אנגעפאנגן ארויסקומען מיט דעם אידישקייט בלעטל צו איבערשמועסן און איבערקלערן ברבים וואו מיר שטייען אויף דער וועלט

די ארויסגעבער פון דעם בלעטל האבן נישט געגלייבט אז דער קליינער גליון וועט האבן אזא אויסטערלישע השפעה. יא, מיר האבן אונטערגעשאצט כלל ישראל!

און האלטן פאר די אויגן די תכסיסי מלחמה פונעם שטן ווי ער פרובירט מיט אלע זיינע כוחות בעיקבתא דמשיחא צו מאכן דעם התבוללות און תערובות פונעם גוי און דער איד.

דער רעזולטאטן וואס האבן נאכגעפאלגט דער מאסיווע מהפיכה ביי כלל ישראל איז באמת נישט צום באשרייבן, ישראל קדושים הם און אידן האבן זיך פשוט אנגעהויבן כאפן ווי זאכן וואס זעען אויס פשוט'ע קלייניגקייטן, זענען אבער אזוי שטארק און מאכן דעם חילוק פון אידישקייט צו גוי'אישקייט.

יא, די קליינע גליונות האבן געמאכט א אויסטערלישע מהפיכה, אין די צייט וואס בלויז אנדערהאלבן יאר צוריק האט מען געקענט טרעפן אין די היימישע אויסגאבעס עדס מיט ליצנות פון תורתינו הק', פון הייליגע מושגים, פון אונזערע ימים טובים, עדס וואס האבן אפיציעל פראפאגאנדירט זאכן וואס זענען אסור עפ"י הלכה, קען מען זאגן אז אזעלכע עדס זענען ממש רעדוצירט געווארן אויף א מינימאלן פארנעם. וואס די ארויסגעבער פון דעם בלעטל האבן נישט געגלויבט אז דער קליינער גליון וועט האבן אזא אויסטערלישע השפעה. יא, מיר האבן אונטערגעשאצט כלל ישראל!

עס איז געגאנגען אזוי ווייט אז א היימישע אויסגאבע אין מאנסי האט בעפאר די ניין טעג ארויסגעשטעלט אז זיי וועלן נישט קענען אננעמען קיין עדס וועלכע פראמאוטן די 'ניין דעיס ספעשילס'! אשרי להם ואשרי חלקם.

• • •

ווי יעדע גוטע זאך וואס מען דארף אלס גיין העכער, האט 'אידישקייט' אויך גענומען אויף זיך אצינד דעם אונטערנעמונג צו גיין א שטאפל העכער, און אויפברענגען נאך נושאים וועלכע איז וויכטיג צו איבערטראכטן וואו מען האלט אויף דער וועלט, און אט זענען מיר זוכה אייך פארצושטעלן דעם אידישקייט גליון מיט א פנים חדשות צו די הנאה פון די ליינער.

מיר האפן בעז"ה ארויסצוקומען מדי חודש בחודשו מיט אט דעם רייכן קאליפולע בראשור און יעדן חודש אויסשמועסן א צווייטע טעמע וועלכע ליגט אויפן הארצן פון טויזנטער ערליכע אידן יראים ושלימים שוין פאר א לענגערע צייט, עס אויפברענגען צום אויבערפלאך פון פארשידענע אספעקטן, און דאס אפלערנען מיט טיפע מחשבה.

מיר זענען מתפלל צו השי"ת אז מיר זאלן זוכה זיין צו שרייבן די ריכטיגע ווערטער, און די ווערטער זאלן ריכטיג ווערן אנגענומען, און נתקבל ווערן ביי אידישע הערצער, צוריקצוברענגען דעם ארגינעלן גלאנץ פון ארגינעלע אידישקייט, און מיר זאלן קענען דורכשוואומען דעם אמעריקאנעם נסיון מיט א שטארקייט און א שטאלץ, ביז מיר וועלן זוכה זיין צו הערן דעם שופר של משיח, ולא נבוש ולא נכלם ולא נכשל לעולם ועד, מיר זאלן זיך נישט דארפן שעמען פאר אונזערע אור עלטערן, און מיר וועלן קענען ווייזן פאר משיח, אז אפי' אינעם אמעריקאנעם גלות האבן מיר זיך נישט געבראכן! בב"א.

**המערכת**



# שאולי ביים דינער

## מכת חושך און כינעזער קאפיטאנען

ס'נישט דאס ערשטע מאל וואס איך קום אריין אינדערפרי אין שוהל, און די האלווע' איז גענצליך בלאקירט, בשעת דער עולם שטייט קעפ אויף קעפ. נו, אז כ'קען ממילא נישט דורכגיין, לאמיר כאטש כאפן א בליק וואס ברענגט אן אזא טרעפיק אין א שטילן בלויען מיטוואך.

יאפ! כ'האב גוט צוגעטראפן, מיין חבר שאולי איז די סענטער אוו עטרעקשען, ער האט דעם שופר אין די האנט און ער בלאזט אז ס'גייט א רויעך, אלע ארומיגע זענען צוגענאגלט ווי מיט קרעיזי גלו און שלינגען מיט דארשט יעדעס ווארט וואס גייט נאר ארויס מפה קדשו מיט די גרעסטע מאס ערנסקייט. ער שילדערט זיין איבערלעבעניש ביים נעכטיגן איווענ"ט פאר די בארימטע ארגאניזאציע "זוקף כפופים".

איידער איך גיי ווייטער, מוז איך ענק קודם מסביר זיין במה הכתוב מדבר, ווער איז דער שאולי מיט'ן הא הידועה. שאולי איז נישט אבי ווער, סתם א יקיש פייביש וואס ווייסט נישט וואס טוט זיך מיט זיך, מ'רעדט דא פון איינעם פאר וועם איך האב די פולסטע רעספעקט (ליין: קנאה), קודם כל ווייל ער ווייסט וואס ער רעדט, ער איז א סאליד ביזנעסמאן וואס פירט פארצווייגטע געשעפטן איבער די וועלט, און ווען ער זאגט עפעס, איז עס געזאגט! און נאכמער, ער איז זייער דאון-טו-ערט (גוט אין דער ערד), ער פארשטייט צו גוט שטיקל פלייש, ער איז א מבין אויף א טייערער וויין, בקיצור, דו כאפסט וואס איך מיין, ער איז פיינע נייעס, ער קומט אריין קלאר....

שוין, פארוואס זאל איך זיין דער דאלמעטשער און איבערזאגן שאולי'ס גאנצע דרשה, ס'וועט נישט זיין דאס זעלבע, לאמיך איבערגעבן דאס ווארט פאר'ן ראש המדברים שאולי אליין, מיט זיין זאפטיגע שפראך וועט ער ענק קענען אראפלייגן זיין עקספיריענס ביים רייכן באנקעט, אינו דומה שמיעה לראי', ער האט עס מיטגעהאלטן לייוו. מכאן ואילך דברי שאולי כתבו וכלשונו:

## ס'איז געווען נעקסט לעוועל!

„חברה כ'זאג ענק, ווער ס'נישט געווען דארט נעכטן נאכט האט פארפאסט, נישט שייך מסביר צו זיין, ס'געווען עפעס נעקסט לעוועל.

איך וועל זיין זייער אנעסט, איך האב נישט קיין כח מער צו די אלע דינער'ס, יעדן טאג איז דא א פרישע ארגאניזאציע, א נייע מוסד, יעדער וויל געלט, איך האב שוין נישט קיין צייט צו פארברענגען און אפזיצן ביי יעדער מסיבה שעות ארוכות, מיין געדולד פלאצט שוין, עטס ווייסט דאך כ'ווער נישט יונגער...

העפענס-טו-בי' אז די ארגאניזאציע זוקף כפופים האבן געמאכט א פיינע מארקעטיג, זיי האבן נישט אויפגעהערט צו באמבארדירן פון אלע זייטן מיט זייערע עדס. כ'מאך נישט קיין גוזמא, כ'האב באקומען צענדליגע מעסעדזשעס אויף וואטסעפפ, זיי האבן ארויסגעשיקט מאכטפולע ווידעאו עדס אויף סטעטוס וואס איז געפארן ווירעל, אימעיל'ס, טעקסטס, פארזענליכע קאלס טאג איין טאג אויס. הער דיך איין, למעשה טוען זיי אויף גוטע זאכן, איך ווייס פון מענטשן וואס זיי האבן ממש אויפגעראכטן, און מיין ביזנעס פארטנער'ס פרישע איידעם איז אינוואלווד אביסל מיט זיי, ער האט מיר ארויסגעגעבן סודות פון ביהיינד די סיענס אז ס'קומט א נאכט צום געדענקן!

ס'שוער אראפצולייגן מיט אלע דיטעילס, אבער כ'וועל ענק זאגן בערך וויאזוי ס'איז צוגעגאנגען, ס'איז געווען סאמטינג ספעשל, און נעקסט לעוועל איז א אנדערסטעיטמענט...

זיי האבן אפגעדינגען די באלרום פון 'עמפייער האטעל' אין פענסילוועניע, א ריזיגע פלאץ, כ'בין שוין אמאל געווען דארט אויף א ביזנעס קאנפערענץ, זיי לאזן זיך באצאלן די הויזן. אינדרויסן די גאנצע וועג אריין צום האטעל איז געווען אזעלכע אוקריינע פויערן מיט שיינע סוט'ס וואס האבן אונטערגעשפילט אזעלכע רואיגע מעלאדיעס פון דער אלטער היים אין קריימיע נאך פאר'ן קריג... אזוי איז מען שוין קודם געווארן אביסל אנגעווארעמט צום מעמד...

## אויפן וועג אריין...

יעצט ווען דו קומסט אריין אינעם מעין בילדינג איז דא אזא קלענערע זאל וואס איז די רעסעפשען האל, דארט איז געווען צוגעשטעלט פארשפייז, א ווערייעטי' פון שאר ירקות פארשידענע גריצייגן, און מ'האט אויפ'ן פלאץ געשניטן פרוכט און וועדזשטעבלס און געמאכט כל מיני סאלאט מיט צענדליגע סארט דרעסינג'ס, אנגעהויבן פון ספייסי מעיא, פעסטאו, סוויט ענד סאוער, איטאליענע סאוס, ראשען סיעזער, ס'געווען אנבעליוועבל.

גלייבסט מיר די עולם האט זיך אנגעפאקט די טעלערס מלא וגדוש, מ'איז ארומגעשטאנען און געגעסן ריפילס נאך און נאך עד שיבלו שפתותינו מלומר די... מ'האט זיך געמוזט געזעגענען פון דארט ווייל ס'דאך נאר אנהויב נאכט, און ס'לוינט זיך נישט אנצופאקן עד הסוף, מ'דארף לאזן פלאץ און כח אויף די קומענדיגע שעות.

אין די גרויסע האלווע'ס וואס פירן צום הויפט זאל איז געווען אויסגעלייגט ריזיגע סקרינס, וואס האט אויפגעשפילט "לעבעדיג" אלע קריטיש-וויכטיגע פעולות וואס זוקף כפופים שטעלט צו פאר כלל ישראל במשך'ן יאר, מ'האט געכאפט א בליק פאר אפאר מינוט, אבער מ'דארף זיך יאגן ווייטער, ווייל כ'הער שוין איינער שטייט ביים מייק, די איווענט האט זיך שוין עמטליך אנגעהויבן.

איך עפן אויף די טיר, און וימש חושך, כ'האב מיך אנגעכאפט אויף מיין חבר נעבן מיך נישט אריינצוהאקן אין קיינעם, נאך א מזל אז איינע פון די עסקנים זענען געקומען צולויפן און מיר געהאלפן וואקן, אינאיינעם איז אונז געלונגען צו מאכן דעם וועג צו אונזער דעסטינאציע, צום שיינעם רינדעכיגן טיש וואס איז רעזערווירט פאר מיר און מיינע קאלעגעס.

## בהיימישע גוים פון אלע מדינות

איך קוק מיך ארום, מיטאמאל האב איך געשפירט אז איך בין אין די יו-ען געביידע, ארום און ארום דעם גאנצן זאל שטייען ערלים פון כל מדינה ומדינה, עיר ועיר, עם ועם, וואאאף! מיינע אויגן האבן געשווינדלט נישט וויסענדיג וואו אהין צו קוקן ערשט. הבור ריק די טיש איז קאמפליטלי ליידיג, כ'ווער באלד געוואויר אז דא סערווירט מען נישט צום טיש, דא איז אלעס סעלף-סערוו, מ'גייט ארום מיט א טעלער און מ'מאכט א טועמיה ביי יעדע סטאנציע, מ'נעמט צאם ליקוטי בשר ליקוטי.

אנגעהויבן פון וואו מ'קומט אריין ביים ענטרענס שטייען גרייט א שטאב פון כינעזיש שעפן

מיט ווייסע שיפס קאפיטאן היטלעך, פלינקערהייט וועלגערן זיי אויס די סושי, איך האב פרובירט צו קאמיוניקירן מיט זייער פינג פאנג, דינג דאנג, ווען זיי זאגן מיר קלאר פאנג-אן-פון-אנפאנג. איך מוז טעיסטן פון יעדע מין סושי, א שאד צו פארפאסן אזא געלעגנהייט פון יעדע סושי אונטער איין דאך. בעיקר גיי איך משוגע פאר די "קראנטשי דור הפלגה ראלל", דאס איז די נייעסטע אייטעם, עס פארמאגט צענדליגע סארט אינגרידיענטס וואס האבן נישט דאס מינדעסטע שייכות איינס מיט'ן צווייטן, און צוזאמען ווערט א דעלישעס פילהארמאנישע מאכל לעילא מכל ברכתא.

די נעקסטע סטאפ איז געוויס ביים "קארווינג סטעישאן", דא מוז מען זיך געהעריג אפשטעלן און ווידמען א זמן מסויים, ס'שטייט דאך בפירוש אויף אלע עדווערטייזמענטס אז אין שמחה אלא בבשר. א גרופע אויסגערופענע מומחים ספעציעל אימפארטירט פון ווייטע קאנטינענטן שניידן גראבע שטיקער בהמות חיות ועופות, אין די זייט שטייט א גרילל וואס דרייט זיך געמיטלעך צום שיין פון געלע לעקטערס, און אויף אים בראטן זיך אומשולדיגע חתיכות פון ריבסטעיקס, ביעף בורגערס, וויעל קאטלעטס ועוד, הו-הא איז דאס געווען פיינע סחורה, די שפייעכץ איז מיר גערינען נאר פון מיטהאלטן די עבודה פון די ערפארענע קצבים ווי זיי ארבעטן פלייסיג על השחיטה. נאכ'ן אריינהאקן צוויי פולע טעלערס וועל-דאן פליישן מיט אלע נושאי כלים, אזוי שטייענדיג על רגל אחת, האב איך זיך געוואנדן צום קומענדיגן סטאנציע.

פארשטייצעך, יעצט איז מיר שוין געווען אביסל שווערער זיך צו באוועגן, אבער מ'דארף דאך אביסל אראפוואשן די סחורה, און מאכן פלאץ פאר די נעקסטע טראנספארט. דורשי רשומות זאגן דאך אז "אלקאהאל מה שבראת איז להחיות בהם נפש כל חי", האב איך אפגעשטאט א בליץ באזוך ביים "אלקאהאל באר", דאס איז באשטאנען פון א גרויסע וואגן אויסגעלייגט מיט אלע ערליי אלקאהאלישע געטראנקען, טייערע ווינען, וויסקי'ס, וואדקעס והמסתעף. איך ווייס פונעם כלל אז מ'טאר נישט מישן ווין און בראנפן, ממילא האב איך געטרונקען עקסטער אפאר גלעזלעך פון יעדע באזונדער, מוזט פארשטיין איך דארף נאך קענען אהיימדרייוון. שוין, יעצט בין איך גוד-טו-גאו, מיין פארדייאונג סיסטעם איז אריין אין קראפט, ער האט א שווערע אויפגאבע צו פראסעסן מיין לעצטיגע דיפאזיטס.

## דער עמאציאנאלער מוזיק פראגראם

ממש השגחה פרטית, כ'האב עניוועי געמוזט זיך אראפזעצן ווי אומשנעלסטן, און צו די זעלבע צייט האט זיך די פראגרעם אפיציעל אנגעהויבן, טענק יו

### איך מוז טעיסטן פון יעדע מין סושי, א שאד צו פארפאסן אזא געלעגנהייט פון יעדע סושי אונטער איין דאך. בעיקר גיי איך משוגע פאר די "קראנטשי דור הפלגה ראלל"

האשעם! די יושב ראש האט מיט קורצע ווערטער באגריסט די פארזאמעלטע, און אויפגערופן מיט גרויס כבוד א רייע אויפגייענדע שטערנס בעולם הנגינה, נייע טאלאנטן, וועלכע האבן איינס נאכ'ן אנדערן פערפארמד עפעס מעסיוו, מיט די באגלייטונג פון א פינף און צוואנציג מען בענד, כ'מיין אז טייל פון די מוזיקאנטן זענען א מיקס פון גרים און בעלי תשובות, ווייל געוויסע האבן געהאט קליינע דיים קאפלעך, ווען פון די אויער הענגט אויערינגלעך, כ'בין זיכער אז זיי זענען זייער אימפרעסד פון די קידוש ה' דאהי.

די "קולי קולות" קווייער האבן אונטערגעזינגען דורכאויס די גאנצע צייט. איך געדענק נישט אזוי קלאר אלע נעמען פון יעדן "סטאר", אבער איין יונגערמאנטשיקל האט אראפגעלייגט א דזשאב... פששש...ער האט געזאגט אז דאס איז א סינגל וואס ער פלאנט צו ריליעסן בקרוב, און ער פארעפענטליכט עס יעצט צום ערשטן מאל אין פובליק אויסשליסלעך לכבוד די מסיבה!

אלעמענס אויגן און אפענע מיילער זענען געוואנדן צום סטעידזש (אויבן-אן), כ'דערקען דארט צווישן עולם אסאך עלטערע אידן באים בימים וואס זענען ממש פארגאפט פון די ביוטיפעל קאנצערט. איינס ביי איינס האט יעדע "חסידיש אפשטאמיגע" זינגער ארויסגעוויזן זיינע כוחות און קענטעניסן, און באקומען הילכיגע אפלאדירונגען פונעם ציבור. פארפאלן אונז האבן טאלאנט...

ווי פריער דערמאנט איז געווען שטאק פינסטער אין זאל ס'האט געגעבן אזעלכע ווייב"ס ווי אין א עכטע 'באר', בלויז עטליכע ספאטלייטס האבן געשטראלט אויף יעדע פערפארמער אויפ'ן פאדיום, מ'זאל קענען זעהן מאור פניו. יעצט איז געקומען די רייע פאר'ן לאנג ערווארטעטן ילד הפלא, ער האט געזינגען אזוי אינאסענט, ס'האט פשוט מיך געמאכט עמאשענעל, כאטש איך בין נישט קיין מענטש וואס וויינט גרינג, אבער ער איז געווען עפעס אזוי הארציג... בפרט ווי ער האט געמאכט מיט די הענט אזעלכע בענקעדיגע מאושענס און ארויפגעצויגן זיין קול אפאר שטאק הויעך...

## ראביי הערצפעלד פון מיסיסיפי אינספירירט

א דינער גייט נישט אן קיין נואם הכבוד, האמיר געהאט א גאסט-רעדנער, די וועלט באקאנטע ראביי הערצפעלד פון מיסיסיפי, ס'מיר געווען א פערזענליכע סורפרייז ווייל איך בין זיין פאלאוער שוין א לאנגע צייט, איך באקום יעדן טאג זיינע קליפ'ס. זיין דרשה איז געווען זייער אינספיירעישאנעל, ער איז נישט ממש א היימישער, אבער למעשה האט ער אזעלכע גוטע פוינטס, יו קענט דיסעגרי וויט הים... ער האט דערציילט עטליכע פערסאנעל סטארי'ס, ס'געווען נקי מחשש דברי תורה... ער האט דעליווערט א מעסטערפיעס...

די קלימאקס פונעם איווענט איז געווען די "לייוו פרעזענטאציע", ווי די ליצני הדור האבן אויפגעשפילט זייער א הארציגע פלעי געמישט מיט ליצי ליצנות'דיגע קאמעדי, דער עולם האט געוויינט און געלאכט אויפאמאל, נעבן מיר איז א אינגערמאן ממש אראפגעפאלן פון בענקל פאר געלעכטער, מ'האט געפיהלט ווי אויף א ראולער קאוסטער, עפעס אנריעל. כ'האב זיך געטרייסעלט פאר געלעכטער אז מיינע מילצן האבן שוין געשיקט סיגנאלן אז עד כאן, מ'קען נישט ווייטער אזוי אנגיין. איך קען נישט מסביר זיין ווי דער זאל האט פאר א שעה אין א ציה געלאכט הויעך אויפן קול אן אויפהער, מ'האט געלאכט און געלאכט און געלאכט, ס'איז געווען מורא'דיג. ס'איז טאקע נישט געווען אדר צייט, אבער מ'האט עס געמוזט טוהן צו אויפטרייבן שטיצע פאר די צובראכענע משפחות...

צום לעצט האמיר אריינגעכאפט צו הערן די באחנ'טע "קול הנער" קינדער כאר, וועלכע האבן פארגעשטעלט אפאר ניגונים, און צוגעלייגט פארשידענע מאושענס מיט די הענט און פוס, זיך געדרייט אויף אלע זייטן און געבויגן ארויף און אראפ. ס'געווען אזוי קיוט אריינצובייסן!

צום געזעגענען איז פארטיילט געווארן אן אויסוואל פון דעזערטס, הייסע קעיקס און דאונטאס, מיט די השתתפות פון קאלטע אייזקריעם, וואס האט זיך צוגאסן מיט אזא השתפכות איבערדעקענדיג די פארלוירענע מאגערע קוכן אונטער זיך. קיין פלאץ האב איך שוין נישט געהאט דאס אריינצונעמען ביי מיך, אבער פטור בלא כלום אי אפשר, מ'טאר זיי נישט פארשעמען ס'איז א שאלה פון ביזוי אוכלין, האב איך בשעת הדחק מכניס אורח געווען אזא דריי טעלערלעך, לא להנאת גופי ח"ו...

איין זאך קען איך ענק זאגן חברה, ווען כ'בין אהיימגעקומען אויפדערנאכט נאך אזא לשובע ולא לרזון'דיגע אווענט, האב איך מיך נישט געקענט נישט בייגן און נישט לייגן!

האלאו!!! ווען איז די נעקסטע איוועינט???






# א דינער/מסיבה מה צבאות?

## וואס איז איר צוועק? וואס איז דער געדאנק דערפון?

שאולי'ס שילדערונג האט מסתם אויפגעברענגט א ווייטאגליכן שמייכל ביי די טייערע לייענער, אפשר האט איר אפילו געטראכט אז ס'איז שוין אביסל איבערגעטריבן, העי? אבער אין פאקט קומען פאר אזעלכע איווענט'ס, דינער'ס, נאכט נאך נאכט, צי אויף אזא אופן אדער עטוואס ענליך דערצו, הצד השוה אז די מושג פון א דינער האט זיך געוצליך געטוישט פון איר ארגינילע צוועק און באדייט במשך די יארן.

## דער 'אמאליגער מהלך' פון גיין נאך געלט

אז מ'גייט צוריק אין צייט, זיך צו דערגרונטעווען פון וואו נעמט זיך בכלל אזא געדאנק פון א דינער? מ'טרעפט נישט אין די היסטאריע און ביאגראפיע ביכער פונעם אמאל בעפאר'ן קריג אז מ'זאל אפרעכטן א דינער פאר א ישיבה אדער ביקור חולים. די אור אלטע מהלך פון אויפטרייבן געלט איז געווען ארומקלעטערן אין די מרחקים פון הויז צו הויז, פון שטעטל צו דערפל, און קלאפן אויף די טירן פון די גבירים זיי אנווארעמען צו ענפענען די קעשענעס און העלפן די ישיבה אדער מוסד.

אומצאליגע מעשיות און ווערטלעך זענען טאקע פארהאן וואס איז אלס פאראיבער אויף די דעמאלטסדיגע משולחים, רבנים און ראשי ישיבות, בשעת זיי האבן געוואנדערט צו פאנדרעיזן פאר זייער מטרה.

## א חידוש — צוזאמברענגען אסאך אויפאמאל

אזוי איז די סיסטעם אנגעגאנגען ביז מ'איז אויפגעקומען מיט א מייסטערהאפטע געדאנק, ציוואס זיך ארומשלעפן על פתחי נדיבים, און דורכגיין אזויפיל מוטשענישן אין יעדן הינזיכט ביז מ'זעהט א דאללאר, לאמיר זיי אלע צאמברענגען אונטער איין דאך, און אזוי וועט דער פראבלעם זיין געלעזט. דער עולם וועט קומען און אויסליידיגן זייערע בערזלעך צו שטיצן די ארגאניזאציע, פשוט און גראד, נישט אזוי?

ניין! קיינער קומט נישט צו לויפן באגיסן מיט געלטער. אויב איז אנגעקומען ביטער שווער אז יענער זאל מיך בכלל אויפנעמען ביי זיך אין שטוב, און הערן וואס איך האב צו פארקויפן, וואס עפעס מיטאמאל זאל ער גאר קומען אויף אלע פיר מיר בעטן צו נעמען זיין נדבה? ס'ארבעט נישט אזוי.

איז אפירגעקומען א רעיון, מ'וועט צושטעלן א געשמאקע מאלצייט, וואס אייגנטליך דאס איז די שורש פונעםווארט "דינער", וואס מיינט אין ענגליש א נאכטמאל, און גדולה לגימה שמקרבת, און ביי דעם נאכטמאל וועט אויפטרעטן א רב אדער גוטער בעל דרשן מיט א לשון לימודים וואס זאל ארויסברענגען דאס וויכטיגקייט פונעם צוועק, מען וועט ברענגען א באריכט פון דעם מוסד, מ'וועט באעהרן די נדיבים, אזוי ארום איז צום האפן אז נאך א פולן מאגן וועט זיין א ליידיגע קעשענע.

## דער אמאליגער תוכן פון א דינער

פארשטייט זיך אז די דרשה דארף זיין אינטערעסאנט און צוציענד, טאקע דערפאר האט מען געוומען אזעלכע רבנים וואס האבן געהאט א לשון לימודים און געקענט אראפלייגן די מצב אויף אן אופן וואס זאל אנווארעמען דעם עולם, באזירט אויף די ווערטער פון צדיקים און מאמרי חז"ל. אזוי האבן זיי באצויבערט די צוהערער צו וועלן האבן א חלק אינעם מגבית, אין אנדערע ווערטער, די הויכפונקט פונעם מסיבה איז געווען די אינהאלטסרייכע דרשה פונעם בעל דרשן.

אין צוגאב, איז געווען א הערליכע אויבן-אן באזעצט מיט גדולי תורה רבנים ודיינים, וואס זייער בלויזע השתתפות אינעם מעמד האט שוין ארויסגעברענגט די וויכטיגקייט פונעם נושא, מ'האט שוין נישט געברויכט מער פון דעם, די עצם פאקט אז א חשוב'ע רב האט אוועקגעשאנקען פון זיין טייערע צייט צו באשיינען דעם מעמד האט שוין גערעדט גאר אסאך.

## דער תוכן טוישט זיך

אין אמת'ן טוישן זיך זאכן פון איין דור צום אנדערן, אין די זעלבע צייט וואס אמאל איז געווען גענוג אינטערעסאנט א שיינע דרשה צו פארזיכערן אן אנגעפולטן זאל, איז אבער היינט דא אנדערע זאכן וואס וועט באאיינפלוסן א מענטש צו קומען צו א דינער. נישטא וואס צו רעדן אז מ'דארף כסדר אויפקומען מיט געדאנקען וואס זאל זיין צוגעפאסט צום היינטיגן עולם, ווייל אויב וועט מען בלייבן מיט 'איין דרשה' וועט מען ווארשיינליך אויך פארבלייבן אין זאל מיט 'איין מענטש', דער בעל דרשן זעלבסט.

און אט אזוי האבן די עסקנים און הנהלה פון מוסדות התורה און ארגאניזאציעס פרובירט אויפצוקומען מיט חידושים וויאזוי צו ברענגען די מאסן צו מסיבות החזקת המוסד, און יעדער פרובירט איבערצושטייגן דעם צווייטן ביז מיר האבן געגרייכט דעם היינטיגן מציאות, ווען עס ווערן אהערגעשטעלט "מעמדי פרעס וליצנות" אויפן העכסטן גראד, וועלכע איז איין גרויסער מעמד פון שוואוילטאג און אינטערטעימענט נוסח אמעריקא מיטן גאנצן קנאק.

## ווער איז שולדיג?

איז די שאלה, אויף וועמען זאל מען טייטלען מיט די פינגער, אז ער איז דער יעניגער וועלכער איז שולדיג דערין?

און דער ענטפער איז, קיינער און יעדער. ס'איז נישט א מענטש, ס'איז פשוט א מציאות, וואס מען 'טרעפט' זיך דערין אומבאמערקט, און דא איז ווי מיר האלטן יעצט.

לאמיר זיך אריינלייגן אינעם מח פון די הנהלה פון א מוסד וואס וויל אויפטרייבן געלט פאר קיום המוסד, און קענען אנהאלטן די חסד אקטיוויטעטן.

רוב עולם איז פאריאגט און פארפלאגט און קוים וואס מ'קומט אן אפילו צו אייגענע משפחה שמחות, כדי צו קענען שלעפן דעם מענטש זיך אראפזעצן פאר א שטיק צייט אויף איין פלאץ מוז מען אויפקומען מיט עפעס אויסטערלישע איידיעס און חידושים.

נאכמער פון דעם, היינט איז א מצב פון צרכי עמך ישראל מרובים, ס'דא אזויפיל וואוילטעטיגע אראגאנזיציאיעס, ישיבות און מוסדות, און יעדער וויל צאמברענגען די זעלבע פאר מענטשן, אז ס'האט זיך געשאפן א געוויסע מציאות אז יעדער פרובירט איבערשטייגן דעם אנדערן מיט'ן אהערשטעלן א בעסערע, גרעסערע, רייכערע, מאסיווערע פראגראם, אז ער זאל קענען אנפולן זיין זאל ביים דינער.

## יעדער זוכט חידושים

נעמענדיג אין באטראכט אז יעדע מוסד מאכט דאך א יערליכע מסיבה, דאס וואס איז געווען פאריאר







אינטערעסאנט איז שוין היי יאר אויסגעדראשן, איבערהויפט ווען במשך די יאר האט שוין יעדע אנדערע מוסד געמאכט די זעלבע סארט מעמד, מיט די זעלבע רעדנער וואס איז יעצט פאפולער, און געהאט גענוי די זעלבע שפילערס, קווייערס, זינגערס, אינטערטעינערס. מוז מען דאך לשנה אחרת מאכן עפעס א פרישע אויסשטעל, וואס זאל איבערוועגן דעם צד, אז דער מענטש זאל וועלן זיך באטייליגן און שלעפן זיין פעקל ביינער און צוויי פוס צום באשטימטן ארט פון אט די וויכטיגע מסיבה.

ווען מ'וועט צולייגן צו דאס אלעס נאך א נקודה, אז בו בזמן וואס א טייל ציבור וואלט אפשר געווען צופרידן מיט מער א פשוטערע און געשמאקע פראגראם, זענען אבער דא צווישן המון עם אזעלכע וואס צו זיי רעדט נאר אויסגעשפראכענע אינטערטעינמעט מיט אלע מפרשים. מ'ברויך דאך אויך זייער אנוועזנהייט בגוף ובממון, "מוז" מען צושטעלן אזא מעמד וואס זאל קעטיערן יעדן איינעם.

די אלע אויבנדערמאנטע פאקטארן האבן צוביסלעך אומוועלנדיג געטוישט דאס ריכטונג פון א דינער וואס איז אמאל, אין די נישט ווייטע פארגאנגענהייט, געטראגן א געוויסע כאראקטער פון כבוד התורה מיט די גדולי תורה אויבנאן, און א גוטער בעל דרשן מיט תורה'דיגע ווערטער אין מויל, עס האט געטראגן אן ערנסטקייט און נארמאלקייט, ביז מיר האבן געגרייכט צו מיטהאלטן מעמדים מיט'ן גאנצן מגושם'דיגע אויסקוק אויפ'ן אמעריקאנעם סטייל. אויב א איד וואלט זיך געלייגט שלאפן א טיפן שלאף פאר צוואנציג יאר צוריק, און זיך אויפגעוועקט צו א היינטיגן דינער, וואלט ער זיך געציפט די בעקעלעך און געריבן די אויגן צי ער זעהט גוט, דאס איז טאקע א "היימישע" דינער פאר "א היימישע" ארגאניזאציע מיט א געפאקטע זאל פון "היימישע" אידן???

## עס איז אסור אדער מותר? – נישט דאס איז די פראגע!

אונזער היינטיגע דור איז א שטיק חסד, מ'האמיר אן א שיעור הילף ארגאניזאציעס אויף יעדן טריט און שריט, מיט הייליגע לעכטיגע אידן וואס זענען גרייט זיך אוועקצוגעבן פאר א צווייטן בלב ונפש, בייטאג און ביינאכט. אונז האבן הייליגע ישיבות און מוסדות וואס ציען אויף א הערליך דור פון בני תורה ובעלי בתים. דאס אלעס דארף אנגיין בתוקף ועוז בעז"ה, און זיי ברויכן צו דעם אוצרות מיט געלט.

ס'איז קיין ספק נישט אז יעדער דארף ווייטער מאכן פראכטפולע דינערס צו קענען שאפן די ריזיגע סכומים וואס עס קאסט אפ אויפצוהאלטן אזעלכע אונטערנעמונגען. לא אלמן ישראל, אונז האבן היינט גענוג און נאך טאלאנטפולע געלונגענע יונגעלייט מיט געניאלע בייפעלער, און מ'קען אויפקומען מיט אויסגעהאלטענע אופנים פון צושטעלן הנאה פאר'ן ציבור, אז די מעמד זאל זיין רייך, אינטערסאנט, געשמאק, און אין די זעלבע צייט בלייבן ריין און ערליך און ברענגן א כבוד שמים.

לאמיר זיין זייער אפן, די רעדע איז נישט צי ס'איז אסור אדער מותר, דאס איז בכלל נישט די נושא פון אונזער ארטיקל, דאס פאדערט א באזונדערע

> **א גאנצע דינער נאכט קען דורכגיין אנדעם וואס מ'זאל זעהן א דיפערענץ צי דאס איז ח"ו א גוי'אישע פארזאמלונג, בלויז מיט איין אויסנאם אז מ'האט גערעדט אויף די אידישע שפראך.**

אפהאנדלונג פון דעת תורה. די מטרה איז מ'זאל זיך פשוט אויפוועקן צום נייעם ריעליטי אין וואס מיר לעבן!

לאמיר ארייננקלערן פאר א מינוט, צי מאכט בכלל סענס פאר וואוילע ערליכע אידן וואס זענען קובע עתים לתורה, און האבן א געפיהל צו א דאווענען און צו עבודת ה', זאלן אפזיצן שעות ארוכות אין א האלב פינסטערן זאל און מיטהאלטן ווי אזויגערופענע "האסידיק סינגערס" מאכן מאדנע תנועות צום קלאנג פון ווילדע מוזיק? צי האט פשט אז חשוב'ע יונגעלייט און היימישע בעלי בתים פארברענגן א נאכט מיט הוילע ליצנות און ליידיגע לאכרייען? צי האלטן מיר טאקע ביי אזא שפל המצב אז דער וועג אונז צו מעורר זיין א רצון צו קומען צו א מעמד איז דורך רעקלאמעס וועלכע זענען מדגיש פונקטליך וויפיל פרעסעריי מ'גייט צושטעלן? איז די איינציגסטע אופן פון צאמברענגן א ציבור פון יראי ה' נאר דורך נאכאנאנדע מודעות געווידמעט בלויז אויף די "מוזיק ערעינדזשמענטס" און ליסטע פון "פערפארמערס" פונעם אווענט?

זענען מיר טאקע געווארן אזוי איינגעגעלידערט אין אמעריקאנעם לייפסטייל און קולטור וואס באשטייט פון "מאכן א לעבן"? ערליכע אידן האבן אלע 'געלעבט', אבער נישט 'געמאכט א לעבן'. דאס איז די נקודה פון די צווישנשייד פון א איד און להבדיל א גוי, דעם המבדיל בין ישראל לעמים איז, א איד נוצט די הנאות פון דער וועלט כדי צו קענען "לעבן" מיט א העכערע ציהל און דינען דעם אייבערשטן. בשעת דער גוי "לעבט" כדי צו קענען הנאה האבן און ווי מער פונעם עולם הדמיון, מיט כל כלו ענדזשוימענט פון צופרי ביז ביינאכט.

אדרבה, ניתי ספר וניחזי, לאמיר עפענען סיי וועלכע מוסר ספר אדער חסיד'ישער ספר און זעהן אויף מיר זענען אויף איין פעידזש... אפשר איז דאס חלילה אינעם כלל פון דאס וואס עס שטייט אין פסוק אין פרשת עקב "פן תאכל ושבעת... ורם לבבך ושכחת את ה' אלוקיך"?

## סיומי מסכתות – לכבוד התורה ולומדי'!

מ'דארף זיין אויפריכטיג, ווי מ'זאגט היינט "פעיסן פעקט", אז ביסודו האט זיך די סארט איוועטנס אנגעהויבן ביי עטליכע חסד ארגאניזאציעס, פון דארט האט זיך עס שטייטלעך אריבערגעכאפט צו מוסדות און קהלות, און בימינו אלה איז דאס שוין די פארשריפט פאר יעדע מסיבה קליין אדער גרויס, און קומט צוביסלעך אריין אויך ביי די סיומי מסכתות פון קהלות און חבורות, אדער סיי וועלכע צוזאמקום און מעמד, איז דא פראטאקאל וויאזוי די אינטערטעינמענט דארף ווערן אויסגעפלאנט.

אוודאי מיינט יעדער צו טוהן גוטס, און די שיעורי תורה דורך די חבורות זענען אויף א פארנעם ווי קיינמאל בעפאר. די קידוש ה' פון טויזנטער לומדי תורה איבער די וועלט איז עפעס וואס איז אומבאשרייבליך, און מען זאל זיכער ווייטער מאכן הייליגע מעמדים לכבוד התורה, אבער אין די זעלבע צייט דארף מען גדענקען אז דער מעמד זאל בלייבן אין איינקלאנג מיט'ן אשר בחר בנו מכל העמים ונתן לנו את תורתו און זאל נישט אריינגיין אין גדר פון "לא תלכו בחוקות הגוי".

## לאמיר זיך דערהייבן! יעדער יחיד קען שפילן א ראלע!

שאולי'ס שילדערונג פון זיין איוועטנט האט געוויס ארויפגעברענגט אן עקל און איבל ביי יעדן בר דעת, אבער במציאות איז דאס א נייע סטאנדארט וואס האט זיך אומוועלנדיג געשאפן ביי אונזער היימישע מחנה, ווי א גאנצע דינער נאכט קען דורכגיין אנדעם וואס מ'זאל זעהן א דיפערענץ צי דאס איז ח"ו א גוי'אישע פארזאמלונג, בלויז מיט איין אויסנאם אז מ'האט גערעדט אויף די אידישע שפראך.

געגעסן, געטרונקען, געלאכט, געוויינט, און זיך







גוט ענדזשויעט. פינטל.

ס'איז צייט זיך אביסל צו דערהייבן, אביסל צוריקטרעטן, מ'קען נישט איבערמאכן די וועלט, אבער מ'קען יא אנהייבן טראכטן אויפריכטיג. ווען א 'אידישער היימישער מוסד' מאכט א מסיבה, צו נעמען אין באטראכט, אז טראץ וואס מען דארף פרובירן אויפקומען מיט חידושים צו ברענגען אן עולם, זאל דאס אבער נישט גיין אויפן חשבון פון "אידישקייט".

יעדער יחיד ויחיד האט דעם כח צו האבן אן השפעה אויף דעם. אן ערליכער אינגערמאן וואס זעהט אז זיין מוסד מאכט אן עווענט וואס פאסט נישט פאר ערליכע אידן קען

> **איז די איינציגסטע אופן פון צאמברענגען א ציבור פון יראי ה' נאר דורך נאכאנאנדע מודעות געווידמעט בלויז אויף די "מוזיק ערעינדזשמענטס" און ליסטע פון "פערפארמערס" פונעם אווענט!**

האבן די פולסטע רעכט און זיכערקייט, צו אפעלירן ביי די ראשי המוסד, און אויפמערקן מיט רעספעקט, אז "עס פאסט נישט! עס איז נישט אידישליך!".

ווען א מוסד מאכט אזא סארט מסיבה וואס פאסט נישט פאר אן ערליכן איד, דאן קען מען זיך רואיג פטר'ן פון ערשיינען ביי די מסיבה, און מען קען יוצא זיין צו שטיצן דעם הייליגן מוסד בלויז בממון, און מען מוז נישט אטיילנעמען בגוף צו אזא מעמד וואס וועט אראפשלעפן מיין פערזענליכע אידישקייט.

לאמיר אנהויבן מיט קליינע טריט צוריק צודרייען דאס ריכטונג צום ארגינעלן ערליכן שטייגער. כלל ישראל וועט ממשיך זיין מיט א פעסטקייט, אפרעכטן סיומים, אהערשטעלן דינערס, פראווענען מסיבות, אבער מיט א אידישן חן! מ'וועט ווייטער ברענגען שפאנענדע רעדנערס, געלונגענע בעלי דרשנים, אבער גלייכצייטיג נישט פארגעסן ווער מיר זענען, לאמיר נישט פארגעסן אז מיר זענען א העכער פאלק, מיר זענען דעם עם ה', עס פאסט נישט פאר אונז צו פארברענגען אויף א הולטייאישער שטייגער ווי די עמי הארץ, מיר זענען אסאך מער פון דעם, מיר זענען אן "עם קדוש".

כי עם קדוש אתה לה' אלוקיך!

# ווערטערבוך

ערקלערונג אויף פריש
ערצייגטע ווערטער וועלכע
האבן אן אומקלארע באדייט

## ס'נעקסט–לעוועל

די ארגינעלע אידישע איבערזעצונג פון די צוויי ווערטער איז "קומענדיגע שטאפל". דאס פלעגט ווערן גענוצט ווען מ'האט געוואלט זאגן אז מ'קען גיין צום נעקסטן שטאפל, צו א נייע דרגא.

די נייע באדייט דערפון איז, איך האב נישט קיין ווערטער, כח, געדולד, מסביר זיין ווי מעכטיג און געוואלדיג די מעמד אדער פערזענליכקייט איז, בקיצור, ס'נעקסט לעוועל. פארשטייסט?

## טוטצעך!

די ווארט איז אפשר אומליינבאר פאר געוויסע, אבער ווען מען איז מפנעח דאס ווארט קומט עס אויס די נוטריקון פון 'וואס טוט זיך?'.

די שאלה פלעגט מען אמאל פרעגן ווען איינער האט געוואלט וויסן וואס עס טוט זיך איבער א געוויסע ענין, און מען האט געפרעגט א חבר 'וואס טוט זיך' זיך צו אינטערסירן איבער די מצב.

די נייע אינטערסאנטע ווארט איז א שילוב פון די אויבערדערמאנטע דריי ווערטער, אבער איר באדייט האט זיך גענצליך געטוישט, די שילוב-ווארט נוצט מען ווען עמיצער גייט זייער ליידיג און ער האט שוין נישט וואס צו טון, שיקט ער א מעסעדזש צו זיינע חברים מיט אט דעם קוריאזע ווארט, האפנדיג מיט דעם אנצופאנגן א שמועס צו דורכשטיפן די צייט.

# א גוטס



## א קבלה טובה גלייך נאכ'ן מעמד

א טאטע האט מיטגענומען זיין בחור'ל צו א גרויסארטיגן סיום הש"ס לכבודה של תורה, וועלנדיג ער זאל מיטהאלטן און נתעורר ווערן פון די כבוד התורה.

עס האט טאקע געהאט גאר א שטארקע ווירקונג, און אויפ'ן וועג ארויס פונעם מעמד האט דער בחור זיך אנגערופן "טאטי, איך בין אזוי איבערגענומען פונעם מעמד, איך האב מיך מקבל געווען זיך צו לערנען מוזיקאלישע אינסטרומענטן"...







## דער גוי לעבט אויף תענוגים,

# דער איד לעבט מיט עול מלכות שמים!



### דברות קודש מאת כ"ק אדמו"ר מבאבוב–45 שליט"א

אצל אסיפה לאברכי הקהלה לפני חג השבועות תשפ"ב לפ"ק

ליידער אין די לעצטע תקופה פילט זיך אין די לופט ליידער א ירידה ביי אידישע קינדער אין דעם ענין, די סטרא אחרא שיסט חיצים ובליסטראוס צו וועלן צוברעכן די הייליגע מחיצה וואס באזונדערט אונז אן אין כמה בחינות, דאס ערשטע זאך וואס ברוך השם אין דעם האט מען שוין אסאך געטוהן, אסאך אויף געטוהן, די טעכנאלאגיע נסיון, וואס ברענגט מיט זיך מיט די סכנה אז מ'זאל נישט מקיים זיין די "והיתם לי סגולה מכל העמים" וואס ס'דארף צו זיין, אבער ס'איז דא נאך אסאך פרטים, אפשר זעהט עס אויס ווי קליינע פרטים, אבער יעדע פרט איז אמת'דיג וויכטיג, מ'קען עס רופן א כלל, מכל שכן ווען ס'קומט כמה וכמה פרטים זעהט מען וואס איז די נסיון וואס מ'שיקט אונז ווי מ'דארף זיך מחזק זיין אין דעם...

באמת, ס'איז אביסל מער דקות'דיג וואס איך גיי יעצט זאגן, מ'כאפט זיך נישט, דער גוי לעבט הפקר, דער גוי לעבט אויף תענוגים, דאס איז א גוי, ער האט נישט קיין עול מלכות שמים, ער לעבט מיט תענוגים, דער עולם הזה דאס איז זיין לעבן, זוכט ער נאך תענוגים און נאך תענוגים, ערליכע יודן האבן געארבעט אויף זיך, מ'האט געגעסן מ'זאל האבן כח צו דינען דעם אייבערשט'ן, איינער א העכערע מדריגה, איינער איז נישט געווען אזא בעל מדריגה, אפשר האט ער זיך געמאסטן, ער עסט מער וויפיל ער דארף, אבער ליגן אין די תאוות אכילה, די קאפ זאל ליגן אין דעם, ווי מ'זעהט עדווערטייזמענטס פון אידישע געשעפטן, פלייש מיט ווין, לא עלינו, דו ביסט דאך דער ריכטיגער זולל וסובא וואס שטייט אין די תורה!

און דאס אלעס ברענגט אריין, מ'רעדט טאקע פון עדווערטייזמענטס, מ'רעדט פון ליין מאטריאל וואס קומט אריין אין אידישע שטובער, אוי ווי ס'דארף זיין דורך געזיפט! און ליידער איז אין דעם אויך דא א גרויסע ירידה, אבער דאס אליין אז קינדער זאלן זעהן עדווערטייזמענטס וואס האבן אין זיך א פראסקייט, א גוי'שקייט, ס'איז משפיע, מ'כאפט נישט ווי ווייט דאס איז משפיע.

ביי אידן טרעפן מען תענוגים עונג שבת, דעמאלטס איז דא א ענין פון עונג, א גאנצע וואך לעבט מען, מ'עסט פאר'ן אייבערשטן'ס וועגן.

האבן מיר געטראכט א ווערטל, אפשר פארדעם האט מען קובע געווען עכו"ם ששבת חייב מיתה, לאמיר זיך פארשטעלן וויאזוי ס'וואלט אויס געזעהן ווען א גוי וואלט געהאט א שייכות צו שבת, וואס וואלט ער געמאכט אין דעם עונג שבת, אז מ'זעהט זיין גאנצע לעבן, ווי ווייט ער ליגט בתאוות און תענוגים, ס'וואלט נאך געווען א מצוה, האט מען אוועק גענומען די גוים פון עונג שבת.


> **אבער ליגן אין די תאוות אכילה, די קאפ זאל ליגן אין דעם, ווי מ'זעהט עדווערטייזמענטס פון אידישע געשעפטן, פלייש מיט ווין, לא עלינו, דו ביסט דאך דער ריכטיגער זולל וסובא וואס שטייט אין די תורה!**


על כל פנים, די אלע זאכן דארפן א ערנסטע התבוננות, יעדער זאל ביי זיך טראכטן, יעדער וואס פירט א שטוב, דעם אחריות וואס ער האט פאר זיך, פאר די בני בית, פאר די קינדער, ביי זיך אליין.

דער הייליגער צאנזער רב זכרונו לברכה האט אמאל געזאגט ערב יום קדוש פארנאכט, אז אין זוהר הקדוש שטייט איידער משיח וועט קומען וועט זיין ערב רב, וואס מיינט מען ערב רב? ס'וועט זיין א צומעשעניש פון גוי'שע געדאנקען צווישן אידישע קינדער, "ערב" איז א לשון אויס מישן, דאס איז גוי'שע געדאנקען, דאס איז די עקבתא דמשיחא, דאס איז אונזערע נסיון.

און ווען מ'רעדט פון לבוש פון נשים איז א באזונדערע שמועס, אבער איך האב געהערט לעצטנ'ס אז אפילו ביי יונגלעך האט זיך אריין געכאפט אזא סטייל, אזא מאדע, קליינע יונגלעך, מ'טוהט אן געפאסטע הויזן, דאס איז א גוי'שע זאך, ס'קען זיך דאכטן, א קליין קינד, וואס איז? דאס צוברעכט די מחיצה!

דאס איז די התבוננות וואס אונז דארפן מיר ארויס נעמען, יעצט מ'גייט זיך צו יום טוב שבועות, "ושמרתם את בריתי והייתם לי סגולה מכל העמים", אונז גיי מיר מקבל זיין די תורה מיט די כח פון די אבות הקדושים ווייטער, און די אבות הקדושים האבן אונז געלערנט "הבאים ישרש יעקב", אונז זענען מיר נישט קיין אמעריקאנע, אונז ווילן מיר נישט האבן קיין שום שייכות צו די גוים, צו זייערע תהלוכות, אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים, די גוי'שע געדאנקען, די מחשבה, דער גוי לעבט מיט הפקר, מיט פראסקייט, מיט ווילדקייט, יודן לעבן מיט קבלת עול מלכות שמים, "ובלכתך בדרך", אונז זענען מיר אין גלות, אונז זענען מיר אויפ'ן וועג, אבער מ'שרייט דעם זעלבן שמע ישראל, דעם זעלבן קבלת עול מלכות שמים.

# אידיש שטימע

## די ענין פון ווערן מגושמים

א גוטן, איך האב געליינט די גליון פרשת שלח און עס איז געווען מורא'דיג גוט און קלאר געשריבן, איר האט געטון א גוואלדיגע ארבעט, איך האב גערעדט צו אסאך אינגעלייט, דער עולם איז ממש מורא'דיג נתפעל פון דעם, עס איז געווען זייער קלאר און זייער גוט מסביר געווען, און עס טוט אויף זייער אסאך, דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט ווייטער קענען אנגיין מיט די הייליגע ארבעט.

איך האב געוואלט בעטן אויב עס איז שייך צו מאכן נאך אזא גליון כעין זה, מסביר צו זיין און ארויסברענגען די ענין פון ווערן מגושם, עס איז היינט פון די גרויסע נסיונות.

דער אייבערשטער זאל אייך בענטשן און איר זאלט האבן כח ווייטער אנצוגיין, הצלחה רבה.

## השגחה אויף די מאגאזינען

קודם כל, א גרויסן ישר כח פאר די מורא'דיגע גליון, עס איז ממש מורא'דיג, הפלא ופלא.

איך האב געהאט א געדאנק שוין א לאנגע צייט, און איך בין זיכער אז אסאך האבן שוין געהאט די געדאנק, די שאלה איז נאר פארוואס מ'האט נאך גארנישט געטון וועגן דעם.

אזויווי יעדע עסן האט א הכשר, דארף ווען א יעדע מאגאזין און צייטונג האבן א פארלעסליכע השגחה, פארוואס איז נישט דא קיין השגחה אויף יעדע מאגאזין און צייטונג, עס דארף ווערן זיין פון אויבן א השגחה, און פארשטייט זיך כפי דער משגיח אין די השגחה, לויט דעם וועט מען וויסן די כשרות פונעם מאגאזין, יעדער וועט פארשטיין די דרגה, פונקט ווי ביי מאכלים.

עס איז נישט קיין ספק אז א זאך וואס א מענטש ליינט, גייט אריין אין זיין נפש, נא אויב אזוי, פארוואס איז נישט דא קיין השגחה אויף די מאגאזינען, איך ווייס פערזענליך פון היימישע חסידישע שטובער ווי ס'קומט אריין עכטע שוואכע מאגאזינען, און איך פון ליטווישע שטובער וואס ביי זיי קומט דאס נישט אריין, איך ווייס פערזענליך פון ליטוויש בני תורה וואס זיי ברענגען נישט אריין אין שטוב די ענגלישע MISHPACHA, יעדע דריטע בעל הבית'ישע חסידיש'ע משפחה האט עס, זיי ווייסן נישט אז עס איז א פראבלעם, א מאגאזין וואס מען פארקויפט אין געשעפט מיינט שוין ביי זיי אז עס איז כשר... פארוואס איז נישט דא קיין השגחה?

## א עד פונקט פארקערט פון פאריאר

א גוט יאר, וויפל מ'וועט רעדן וועט מסתם נישט זיין גענוג, מסתם הערט איר שוין זיכער צוריק די מורא'דיגע פעולות, כ'וויל מיר באדאנקען מ'ליינט עס און ס'געבט שטארקע חיזוק.

אבער איין נקודה, קען זיין איר האט עס אליין באמערקט, ס'איז געווען פאריאר, אויב איך געדענק גוט האט איר געברענגט א בילד פון א אדווערטייזמענט פון א שאפינג מאהל אין די קעטסקילס, וואו מען האט געזען א בילד ווי א טאטע מיט עפעס א פורים הוטל נעמט ארום א קינד און ער האלט עפעס א אייז קרים אין גאס און מ'עסט צוזאמען, און איר האט אזוי אראפגעברענגט די בילד און ליצנות געמאכט דערפון.

האב איך געזען אז דאס יאר האבן זיי געלייגט ממש די היפך, מ'זעט א טאטע אנגעטון מיט די גאנצע חסידי'שע לבוש, מ'זעט קינדער אנגעטון איינגאנצן נארמאל, שטייען צוזאמען אין גאס און גייען איינקויפן, מ'זעט די ריזיגע חילוק פון פאריאר'יגע אדווערטייזמענט מיט די פון הי' יאר, וואס איז שטארק יתכן אז ס'איז נאר א דאנק אייער הייליגע ארבעט, און בכלל זעט מען טאקע ווי אלע אדווערטייזמענטס ווערן ב"ה אסאך בעסער, די דזשדעיקעס און בראדערס איז ממש הימל און ערד ווי ס'איז געווען, ס'איז ממש געהאלטן א שטאפל אז ס'איז נישט געווען נארמאל און מ'זעט שוין כמעט נישט קיין צעדרייטע אדווערטייזמענטס פון זיי, אזוי ווייטער זייער אסאך, און דער אייבערשטער זאל העלפן מ'זאל קענען ווייטער אסאך אויפטון א גרויסן ישר כח.

## מילכיגע 'דאנאטס' לכבוד די ניין טעג...

די נושא איבער די מצב פון עדס און אדווערטייזמענטס אין די ניין טעג איז שוין אסאך מאל ברייט אויסגעשמועסט געווארן, אבער יעצט האב איך געזעהן א עד פון א גראסערי וואס האט מיר ממש ארויסגענומען פון די כלים, לאן הגיענו.

דאס אז א פיש סטאר מאכט א סעיל אין די ניין טעג קען מען נאך פארשטיין, ווי נישט ווי עסט מען אין די טעג מער פיש, מאכט ער א ספעשל אויף זיינע פיש, די זעלבע מיט א מילכיגע דעלי, נישט אז איך האלט אז עס איז נישט קיין פראבלעם דער צוגאנג דערצו, אבער מען קען נאך פארשטיין אז היות ער האט א דעלי פון מילכיגע נאכטמאל מאכט ער א ספעשל אויף זיינע מאכלים אין די טעג וואס מען עסט נאר מילכיגס זיי נאכטמאל.

אבער דא איז שוין געקומען א חידוש. איך וויל נישט זאגן אין וועלכע שטאט איך וואוין ווייל איך וויל נישט אראפרייסן קיין יחידים, אבער אן קיין נאמען, דא אין מיין שטאט, איינע פון די היימישע חרדישע שטעט אין ניו יארק, האט א גראסערי ארויסגעלייגט א עד אז ער פארקויפט 'מילכיגע דאונאטס לכבוד די ניין טעג'... זיי שרייבן קלאר אן קיין בושה, 'מילכיגע דאונאטס פאר די ניין טעג' און דורכאויס די ניין טעג וועט זיין צו באקומען פרישע מילכיגע דאונאטס פאר ספעשל פרייזן', מען עסט דאך מילכיגס, דארף מען האבן פרישע דאונאטס...

איך האב פרובירט צו רופן מענטשן וועלכע האבן אן השפעה אויף דעם געשעפט און מען האט עס ב"ה מסדר געווען, אבער איך וויל דאס זאגן פאר די געטרייע עסקנים צו וויסן אויף וואס מען דארף אלץ מעורר זיין.

הצלחה רבה, און א גרויסן יישר כח פאר אלע אייערע פעולות.

## די אדווערטייזמענטס זענען בעסער געווארן

מיר זענען געזיצן שבת ביי מיין מאמע אינדערהיים און מען האט גערעדט פון די משוגע'נע עדס און אדווערטייזמענטס וואס מען זעט אין די אויסגאבעס, האט זיך מיין מאמע אנגערופן אז לעצטענס האט זי באמערקט אז עס איז אביסל בעסער געווארן, זי האט גארנישט געוויסט פון ענקערע גליונות, און מיר האבן אלע געזאגט אז ס'זעהט אויס אז די ארבעט פון אידישקייט טוט אויף.

גייטס ווייטער אן מיט ענקער הייליגע ארבעט.

# רינגס ארום און

כאפנדיג א בליק רינגס און ארום אונזערע נקודות פון דא און דארט



## כאפט א שווים

סתם אינטערסאנט וואס גייט מען דא טוהן, מ'גייט שווימען אינמיטן די מסיבה? לאכט נישט, עס איז שוין דאס אויך דא, ווען דער מוסד לאזט זיך ארויס מיט אלע שטיצער צו אן האטעל צו פארברענגען און... כאפן א שווים!




## זעטיג דיין נפש

דא מוזט איר שוין ליינען די קליינע ווערטער: SATISFY YOUR SOUL, אין אידיש גערעדט 'זעטיגט אייער נפש'. מיר גלייבן אז דא רעדט מען טאקע פון דעם נפש הבהמית...




## אשר בחר בנו

דער אויבערשטער האט אונז אויסדערוועלט פון אלע פעלקער, אבער אצינד ווערט מען נוצן דעם אויסדרוק אז איין בחור האט געווינען דעם פארמעסט צו דערזיינען א תפילין בייטל, און מ'האט אים 'אויסדערוועלט' פון אלע אנדערע קינדער.

## מיר פייערן נישט די 9 טעג!




די קאמיוניטי קאנעקשאנס אין מאנסי האט געמאכט א אויסטערלישן קידוש ה' מיטן מעלדן בשער בת רבים, אז אין זייער אויסגאבע ווערט נישט ערשיינען קיין שום עד מיט די ווערטער "ניין טעג ספעשעלס". אין די זעלבע צייט אויסגעדרוקט א דאנק פאר די אדווערטייזער וועלכע האבן אראפגענומען די ווערטער, און דרוקן אויס א האפענונג און תפלה אז די ניין טעג זאל שוין ווערן א יו"ט בביאת משיח צדקינו, און דערווייל איז נאכנישט די צייט צו 'פייערן' אט די טעג. אידן פון אלע שיכטן האבן אויסגעדרוקט אויסטערלישע צופרידנקייט פון דעם דרייסטן באשלוס.

## הויזן מיט די 'נישט' שמאלע פיט...

א געשעפט אין וויליאמסבורג שטעלט ארויס מיט א בשורה טובה ומרנינה, אז מען האט אריינבאקומען די הויזן מיט די נישט שמאלע פיט. עס איז צום אפלאדירן א געשעפט וועלכע טוט ריכטיג, און שטעלט זיך צו, צו דעם פארלאנג פון די היימישע קאסטומערס. זכות הרבים תלוי בו.



# איינער האט געמוזט האבן א געשמאקע רייד.

דא האט די איחוד גראסערי געמאכט א געלונגענעם עד אנדעם וואס עס זאל אנרירן אידישקייט, און געבן א גלאנץ פאר פרעס, און מיט דעם אלעם טראגט עס גאר א געלונגענעם מעסעדזש.

דאס זאגט אז ווען מ'פארט ערגעץ אין די זומער טעג, איז גרינפרעש א גאר פאסיגע פלאץ אריינצוגיין און איינקויפן מילי דמיזן אויפן וועג. אינעם בילד זעהט מען וויאזוי עס זעהט אויס א קאר נאך א משפחה מיט קינדער זענען געפארן ערגעץ, און דער 'רינפרעש' שאפינג בעג איז דער מחותן אונטער די גאנצע נסיעה...

יא, מ'קען מאכן 'קלוגע מארקעטינג', גוט און צו דער זאך, און ערליך און אויסגעהאלטן.




## כ"ק הגה"צ אבד"ק שאץ שליט"א

(שאלות ותשובות קול אמונה)



איינער פרעגט וועגן שמאלע הויזן, אויב ס'איז אסור, און וואו עס שטייט אז ס'איז אסור. דאס איז א אפענע שלחן ערוך אין אבה"ע. מ'טאר נישט גיין אין דעם! זאל די גאנצע וועלט זיך איבערדרייען און זאגן אנדערש. דאס איז די הלכה, און ס'איז נישטא קיין תירוצים אז 'יעדער טוט אזוי'.

## כ"ק אדמו"ר מקאשוי שליט"א

(ביי די דרשת שבת הגדול הי' יאר)



איך מוז רעדן איבער א נייע צרה ביי אונז אין שטאט, וואס עס דאכט זיך מיר אז עס איז נאכנישט געווען אזוי ווי דעם אין וויליאמבורג ביז יעצט.

מ'מאכט אדווערטייזמענטס אין די צייטונגען און בלעטלעך וואס קומען ארויס חדשים לבקרים, און אויך מודעות אויף די ווענט פון בתי מדרשים, מקוואות, און די גאסן. און מען איז מפרסם אלע מיני טייערע מאכלים, טייערע ווינען, טייערע קליידער, וואס מן הסתם אפי' ראטשילד האט נישט געהאט אזאנס אינדערהיים. יעדער וואס מאכט אזעלכע אדווערטייזמענטס דארף זיך מתבונן זיין אויב ער גייט נישט אריין אין גדר פון א מחטיא את הרבים רח"ל.

כך הוא דרכו של יצה"ר, און אזוי איז דער כח פון אדווערטייזמענט, וואס דער עולם ווערט צוביסלעך אריינגעשלעפט אין לוקסוס און מותרות. די גדלות פון כלל ישראל אין אלע דורות איז געווען די באשיידנקייט, זענען געקומען אויבער חכמים און איבערגעדרייט הקערה על פי'. בושנו מכל דור!

איך בין געגאנגען אויף די גאס, און געזעהן אויף די לעקטער שטאנג א גרויסע מודעה מיט א בילד וויאזוי איינער איז מוכיח זיין חבר (וואס האט גראדע א גוטן שטריימל) אז ער דארף זיך גיין קויפן א נייעם 'שענערן' שטריימל. דאס איז ממש כנוסח הגוים, דארט האלטן מיר שוין?! איך פארשטיי נישט וויאזוי מ'שעמט זיך נישט צו מאכן אזעלכע מודעות.

יעדער וואס קען מוחה זיין דערויף איז מחויב צו מוחה זיין, ווייל די תוצאות פון דעם זענען שרעקליך.

רינגס ארום און

כאפנדיג א בליק רינגס און ארום אונזערע נקודות פון דא און דארט



צו דעם 'עווענט'
קען איך נישט גיין!
בואו בהמוניכם!
עס וועט זיך גיסן בשר בהמה
ברבורים ושליו ודגים לרוב
פרעזענטאציע פון וועלט
בארימטע בדחנים וליצני הדור
פילפארביגע מוזיקאלישע
עמאציאנאלע איבערלעבעניש
קומטס אלע
אריבער היינט
נאכט מחזק
זיין די הייליגע
ארגאנעזאציע!
פולשטענדיגע הנאה און תענוג
גאראנטירט
עס
שטימט
נישט
לויט די
אידישקייט
סטאנדארטן
פון מיין
שטוב
כ'וועל
זיך שוין
משתתף
זיין מיט א
שיינע נתינה
מארגן אין
ביהמ"ד...
• הערות
• קאמענטארן
• געדאנקען
צו איבערלאזן א מעסעדזש פאר די מערכת רופט:
845.320.5180
realyiddishkiet@gmail.com